# דורכברוך אינעם היימישן קאמפיוטער-מארקעט

## רעוואלוציע מיטן פריש מחדש זיין דעם פארצייטישן טייפרייטער, מיט פילע היינטיגע חידושים, געאייגנט פאר תלמידי חכמים צו קענען טייפן דערויף זייערע חידושי תורה אן קיין שום מכשול

## טייפרייטער

נישט אזוי לאנג צוריק האבן אסאך אידישע הייזער פארמאגט א סארט מאשין וועלכע רופט זיך: א טייפרייטער, ד.מ. א מאשין וואס מען האט אריינגעדרייט אין איר א פאפיר, אדער אפילו צוויי פאפירן, און דערנאך האט מען ארויפגעטייפט די אידישע אותיות דירעקט אויפן פאפיר. דאס איז געווען זייער אן אנגענומענע מיטל פון שרייבן חידושי תורה, און אט אויף דעם מהלך האבן אסאך ערליכע אידן ת"ח ומחברי ספרים געשריבן זייערע חידו"ת וואס זענען פאר אונז פארבליבן למשמרת אינעם ספרים שאנק עד היום הזה. [לדוגמא, דער פוסק הדור דער בעל מנחת יצחק זצ"ל האט אזוי געשריבן אלע זיינע תשובות, צוויי פאפירן אינאיינעם, מיט א קאפי פאפיר אינצווישן, איינס פארן שואל, און איינס פאר זיך למשמרת צו קענען דאס דרוקן און מוציא זיין לאור עולם].

די דאזיגע מאשין איז ווי פארשטענדליך געווען זייער באגרעניצט, ס'האט פארמאגט בלויז איין סארט אות, אן קיין נקודות, ס'איז נישט שייך געווען מגי' צו זיין קיין טעותים בעפאר'ן ארויסדרוקן אויפ'ן פאפיר. א.א.וו.

## אלטע קאמפיוטערס

ווען די דאזיגע מאשין איז ארויס פון באנוץ, וויבאלד ס'איז אונטערגעקומען די קאמפיוטערס, וועלכע איז ווי פארשטענדליך נישט קיין פארגלייך צו דעם טייפרייטער, מכח כמה סיבות. איינס אז מען האט געקענט מגי' זיין דער תוכן בעפאר'ן ארויסדרוקן. צווייטנס מען האט נישט געדארפט ארבעטן דאפלט, ד.מ. טייפן צוויי מאל ביים שרייבן און ביים דרוקן, וויבאלד מען האט געקענט אפשיקן צום דרוקער דער [floppy] דיסק, וועלכע האט ערהאלטן אין זיך דעם גאנצן אפגעטייפטע טעקסט.

און נאך אסאך מעלות, דערקעגן פונעם אלטע טייפרייטער.

מכח די דאזיגע סיבות האבן זיך אסאך ערליכע אידן צוגעכאפט דערצו, און אנגעהויבן נוצן דער קאמפיוטער פאר תורה'דיגע צוועקן, ממש בלויז צו טייפן דערויף חידו"ת, און אזוי ארום געדרוקט זייערע חידושים, ספרים א.א.וו. [הגם בשעתו איז א קאמפיוטער בכלל נישט געווען קיין ביליגע כלי].

בשעתו איז מען געשטאנען אין א תקופה, אסאך בעפאר ס'איז נתגלה געווארן דער שעדליכקייט פונעם קאמפיוטער, און דער קאמפיוטער איז דאן "באמת" געווען אן




אומשולדיגע כלי, וואס איר סקרין איז דאן באשטאנען פון בלויז איין קאליר; גרינע אותיות אויף שווארץ, און פון זען דערויף בילדער איז קיין רעדע דאן נישט געווען, ווער רעדט נאך פון אינטערנעט אוודאי נישט. אזוי ארום אז די דאזיגע תלמידי חכמים האבן זיך באמת אנגעהויבן צו באנוצן מיט אן אומשולדיגע כלי, נישט וויסנדיג בכלל וואס דער צוקונפט גייט זיי ברענגען.

## קאלירטע סקרינס

דער טעכנאלאגיע איז נישט געבליבן שטיין, נאר אנגעהויבן איר מעכטיגע געיעג און איז געלאפן אין א שנעלע גאלאפ. אלטע קאמפיוטערס זענען ארויס פון באנוץ, נייע זענען אונטערגעקומען, מיט בעסערע און פארגעשריטענע חידושים און מעלות. קאלירטע סקרינס האבן אנגעהויבן ארויס צו שפראצן, digital טעכנעלאגיע האט זיך פארשפרייט אויף א מאסיווע אופן, אז מען האט שוין געקענט זען אויף קאמפיוטער סקרינס בילדער, דערנאך ווידיאוס, געימס, וכו' וכו'.

אזוי איז דאס געלאפן אין א שרעקליכע גאלאפ בארג אראפ, און מיט אן אומגעהויערע שנעלקייט, האט זיך דער מצב דערקייקלט אויף אזוי ווייט, אז דער אינטערנעט געפינט זיך שוין אויטאמאטיש אריינגעבויט אין יעדער סארט כלי, פון קליין ביז גרויס, בהכרח ממש. און מען דארף מאכן גדרים וסייגים אויף טריט און שריט, אשר אין כאן המקום לפורטם. [אפילו גאר קליינטשיגע כלים ווי צ.ב. Mp3 players, קומען שוין היינט צוטאגס מיט קאלירטע סקרינס, עד כדי כך אז מען קען זען דערויף לענגערע ווידיאוס].

אידן וועלכע ווילן ווייטער שרייבן אויף דעם אופן זייערע חידו"ת געפינען זיך אין א שווערע דילעמע, מצד אחד איז דער קאמפיוטער באנוץ כמעט ווי א הכרח, זייער שווער זיך צו באגיין אן דעם, ס'איז געוואלדיג נוצליך צו שרייבן און דרוקן ספרים, [וויפיל הייליגע און וויכטיגע כתבי ידות זענען במשך הדורות פארלוירן געגאנגען, דורך שריפות, וכדומה, ווען דרוקן איז געווען א יקר המציאות בימים ההם. דערקעגן וואס היינט צוטאגס איז דא ב"ה א ריבוי ספרים, חדשים וגם ישנים, וויבאלד יעדער לומד תורה קען זיך אליין ערלויבן צו טייפן זיינע כתבים], ומצד השני ווי קען מען אריינברענגען אזא סארט כלי אין א אידישע שטוב, וואס פארמאגט אזויפיל נאכווייען און איבלינגען, אשר רבים חללים הפילה? וויאזוי קען מען ווייטער שרייבן חידו"ת ס'זאל קענען פארבלייבן למשמרת, אָן די אלע נאכווייען?

## צורה פון א אידישע שטוב

איינע פון די גרויסע חסרונות פון האלטן א קאמפיוטער אין שטוב, איז אז היות א נארמאלע קאמפיוטער איז א גרויסע כלי און פארנעמט פלאץ, דארף מען דערפאר מייחד זיין א ספעציעלע טיש, און א מקום פאר דעם. דאס שטעלט שוין אוועק דאס גאנצע שטוב מיט א אנדערע סארט צורה ווי אן אריגינעלע אידישע שטוב דארף אויסזען. קינדער וואס וואקסן אויס אין א פארצייטישע אידישע שטוב זענען געוואוינט צו זען פאר זיך א מאסיווע איבערגעפילטע ספרים שאנק מיט אויסגענוצטע אפגעריבענע ספרים, א שטענדער אינדערזייט, בענדער געשריבענע חידו"ת, וכו' וכו'. דאס אלעס גיבט שטארק צו צום עצם חינוך פון א קינד צו וויסן אז כי הם חיינו, עפעס אנדערש עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט. ווי אנדערש ווערט אבער דער צורה, ווען א גרויסע קאמפיוטער סקרין שטייט אויף א טיש נעבן די ספרים שאנק, ס'איז מגשם און פארגרעבט די גאנצע אידישע אויסקוק פון א אידישע שטוב, און דער שטוב פארלירט דער אריגינעלע צורה, פון וואס א אידישע שטוב ברויך צו האבן.

אנדערע ווילן זיך טאקע ארויסדרייען דערפון און נוצן נאר א לעפטאפ וואס מען קען אריינרוקן אין א לעדל, אזוי דאס מעלים עין צו זיין פון די קינדער. אבער מצד שני פארמאגט דאס א חסרון בגשמיות; ס'איז זייער נישט באקוועם צו טייפן דערויף, מחמת די קלייניגקייט דערפון.

**אלזא וואס איז יא דער עצה???**

## פאר הכרח אדער פאר שפילצייג

גאר א וויכטיגע נקודה פונעם טעכנעלאגיע, פארצייטנס ווען אימער א מאשין איז גענוצט געווארן, האט מען דאס גענוצט בלויז פאר א צורך, וואס פעלט זיך אויס פארן באנוץ, און גארנישט מער. א וואש מאשין האט מען גענוצט צו וואשן וועש, און גארנישט מער, ס'איז נישט שייך געווען זיך צו שפילן דערמיט, א.א.וו. מיט אלע סארט מאשינען וואס דער טעכניק האט אהערגעשטעלט אין די לעצטע 70 יאר.

גאנץ אנדערש איז אבער ווען ס'קומט צו קאמפיוטערס, איינמאל ס'איז געווארן א

מציאות אז דער קאמפיוטער האט באקומען אלע סארט פיטשיוועקס, פון זען, הערן, שפילן וכו' וכו', האט זיך אנגעהויבן א נייע סארט מציאות, א מאשין ווערט א שפילצייג אין די הענט פון איר באנוצער. פונקט ווי א קליין קינד שפילט מיט זיינע שפילצייג, איז געווארן א נייע מציאות בעולם, ערוואקסענע מענטשן האבן אנגעהויבן זיך שפילן מיטן קאמפיוטער.

דער באנוץ פונעם קאמפיוטער איז לגמרי נישט באגרעניצט צו נוצן בלויז אויפן הכרח וואס פאדערט זיך, נאר מען נוצט דאס כסדר אויף וואס אימער דער הארץ גלוסט, פון: שרייבן, מאלן, זען בילדער, ווידיאוס... א.א.וו. און על כולם, פארמאגט דער קאמפיוטער א געוואלדיגע כח המושך פון איבערנעמען דאס מענטשליכע כוחות און הרגשים, מיטן כח המעצר איינאיינעם, און מען דערזעט זיך נישט א וועג ארויס דערפון.

לאמיר שוין נאכגעבן פארן ת"ח א איד א יושב אוהל, ער ברויך גאר וויכטיג א קאמפיוטער צו טייפן זיינע חידו"ת, ער האנדלט זיך טאקע איין א פשוט'ע קאמפיוטער, ער מאכט טאקע די נויטיגע גדרים וסייגים וועלכע פאדערט זיך, און ער גייט דאס ממש בלויז נוצן פאר חידו"ת. דער פראבלעם ווערט אבער אז עס בלייבט לגמרי נישט שטיין בלויז ביי דעם. ס'הייבט זיך אן אז די בני בית וויל צוטשעפען דערצו דער קעמערע "זייער וויכטיג" בלויז צו ערלעדיגן עפעס בילדער, א.ד.ג. און דער בעה"ב אין שטוב קען נישט שטעלן קיין העפטיגע ווידערשטאנד, און זאגן א "לא" מיט אן אלף. אזוי גייט דאס ווייטער א טריט נאך א טריט, און די קינדער באקומען שוין אויך א צוטריט דערצו, און פארשטייט זיך, אז קינדער פארשטייען שוין בעסער אינעם גאנצן עסק ווי די עלטערן זעלבסט, און די קאמפיוטער ווערט א שפילצייג פאר די גאנצע משפחה, און די חידו"ת באנוץ ווערט ממש א מיעוט השתמשות פון א הכרח. בעיקר ווערט דאס א שפילצייג פאר די גאנצע משפחה פון גרויס ביז קליין. ובעיקר די דאזיגע קינדער, פון אזא סארט שטוב, אפילו זייער טאטע נוצט דאס טאקע פאר חידו"ת, אבער זיי זעלבסט וואקסן אויף אז א קאמפיוטער איז א שפילצייג, סך הכל א "נוצליכע" שפילצייג, וואס מען קען טון דערויף אלעס. אזוי וואקסן זיי אויף מיט דעם געדאנקען גאנג, און זיי זעלבסט קויפן שוין אויך באלד נאכן חתונה א קאמפיוטער אינדערהיים, נישט פאר חידו"ת ממש, נאר פארוואס נישט, זיי האבן דאס שוין געזען ביים טאטן אויך, און ביי זיי זעלבסט איז דאס שפילן מיטן קאמפיוטער שוין א הרגל, און הרגל נעשה טבע שני.

## צרות שניות משכחות את הראשונות

## ווידיאו

כידוע האבן אלע גדולי ישראל זיך גאר שטארק מתנגד געווען אנטקעגן דעם גאנצן ענין פון ווידיאוס. אראפגעשטעלט הארבע תקנות אנטקעגן מאכן ווידיאוס ביי חתונות וכדומה.

אבער היות טעכנאלאגיע לויפט מיט א אזא ווילדע גאלאפ, און אנדערע סארט כלי משחית למיניהם האבן פארפלייצט דעם מארקעט, איז דער גאנצע רוחניות'דיגע אידישע גאס איינגעשפאנט אינעם מערכה כבידה וויאזוי צו באקעמפען דעם נגע צרעת פונעם אינטערנעט, סמארטפאון, סאושעל מידיע, וכו' וכו', האט מען לעת עתה מסיח דעת געווען פון די קלענערע פראבלעמען וואס יעדער קאמפיוטער טראגט מיט זיך, דהיינו ווידיאו.

און מהאי טעמא איז אין די לעצטערע יארן איז געווארן א רפיון אין דאזיגע נושא, היות די שעדליכקייט פון אנדערע כלי משחית האט זיך גובר געווען, אשר ע"כ כהיום איז פון די דאזיגע איסור מער נישט קיין מדובר.

מען שפירט זיך פשוט הילפלאז מיטן קלענערע פראבלעם, און מען טראכט צו זיך: נו, גיי קעמף מיט א פראבלעם, ווען פון די אנדערע זייט זענען דא אזעלכע ריזיגע פראבלעמען, און גיי רעד פון אזעלכע "נישטיגע" קלייניקייטן...

ממילא היינט צוטאגס ווען א איד קויפט א קאמפיוטער אין שטוב, ווייסט ער פון איין זאך, מען מוז באצוימען דעם אינטערנעט, אדער אינגאנצן פארשפארן, אדער לכה"פ פילטערן. ווייל דאס איז דער ברענעדיגער פראבלעם וואס יעדער איז איינגעשפאנט דערינען. ווידער ארום די אלטע פראבלעם פון קוקן ווידיאוס, ווערט אינגאנצן נשתכח.

ובעיקר וויבאלד עס איז נאך נישט ארויסגעקומען א מהלך וויאזוי מען קען אפשפארן פון א קאמפיוטער, ווידיאוס, [דהיינו אפילו מען וועט מצליח זיין אפהאקן א געוויסע סארט פראגראם פון שפילן ווידיאוס, קען מען נאך אלץ אריינלייגן אלטערנאטיוו מיטלען דאס צו קענען זען].

דערפאר איז גאר וויכטיג צו באטאנען אז דאס מיינט לגמרי נישט אז די סכנה ברוחניות פון ווידיאוס איז עפעס קלענער געווארן, ס'איז פשוט פארנאכלעסיגט געווארן, בבחינת צרות שניות משכחות את הראשונות. און די שטארקע תקנות וואס די גדולי ישראל האבן אראפגעשטעלט מיט אפאר צענדליגער יארן צוריק, איז נאך אלץ קאי וקיימא, אפילו יעצט אינעם שרעקליכן טעכנאלאגיע נסיון, ווייל **זאת התורה לא תהא מוחלפת**.

**דער דעלעמע גייט אבער נאך פיל ווייטער:**

## ווער איז דא, דער אמת'ער בעה"ב?

נארמאלערהייט, בנהוג שבעולם, א מענטש האנדלט איין סיי וואספארא סארט מאשין וואס ער דארף פאר זיינע גשמיות'דיגע צרכים, איז דער מאשין זיין אייגענע נכס, ער איז פולשטענדיג בעל הבית דערויף וויאזוי זיך אומצוגיין דערמיט, ווען עס צו נוצן, וויאזוי דאס צו נוצן, וכו' וכו'.

גאר אנדערש איז אבער ווען ס'קומט צו די היינטיגע טעכנאלאגישע כלים, דער קויפער איז בכלל נישט אליין בעה"ב אויפן כלי, די פאבריצירערס (אין אונזער פאל איז דאס Microsoft) בלייבן די פולשטענדיגע בעה"ב, ברצונם מרחיב וברצותם מקצר, זיי קענען אריינשטופן אין יעדע כלי אן update, אן זיך קענען אויסרעכנען פון פאראויס וואס



יא, און וואס נישט. [אפילו לעגאל פארמאגן זיי די בעלות צו נוצן די קאמפיוטער אלץ עדות אין געריכט, אנטקעגן דער באנוצער'ס אינטערעס!].

אזוי אז דער אייגנטומער איז מער נישט דער אייגענער בעה"ב אויף זיינע כלים, ס'ליגט אין די הענט פון גוים, וועלכע זוכן כסדר אריינצוריקן זייער טריפה'נע מהלך החיים וואו אימער ס'איז שייך. ער איז תלוי בדעת אחרים, וועלכע זיי מיינען זיכער נישט אונזער טובה ברוחניות.

אין אנדערע ווערטער, אויב א איד וויל זיך איינהאנדלען א כלי צו קענען דערויף טייפן זיינע חידו"ת, בשעת'ן קויפן וועט ער טאקע מאכן די נויטיגע און מאקסימום שמירה וואס איז נאר שייך כראוי וכהוגן, ארויפלייגן די ריכטיגע פילטערס וכדומה. מיינט דאס בכלל נישט אז מהיום ולהלאה קען ער שלאפן רואיג, ווייל מיטאמאל אין א שיינעם טאג קען ער זיך דערזען ווי פנים חדשות באו לכאן! מפטירין כדאתמול, אלעס איז צוריק ביים אלטן. וואס איז? די פאבריצירערס האבן באשלאסן אויפצוקומען מיט א נייעם update, און מיטאמאל דערזעט ער זיך אן קיין פילטער!

וויפיל מאל טרעפט מען מודעות פון פילטער קאמפאניס וועלכע בעטן זיך ברחמים ובתחנונים ביי זייערע קליענטן מען זאל נישט אננעמען די נייע update, סיי ביי די קליינע כלים, און סיי ביי די גרויסע, וויבאלד מען קען דאס נאך נישט פילטערן לעת עתה. און אזוי שטייט מען בעפאר א טיים באמבע יעדע פאר חדשים, אז מען איז כסדר תלוי ועומד אינעם ערליכקייט פונעם באנוצער, אז ער זאל נישט דריקן דעם קנעפל פונעם update במזיד צי בשוגג, והפילטער איננו...

**אלזא, שטעלט זיך די פראגע, וואס איז טאקע דער עצה???**

צי קען מען קויפן און זיך באגיין מיט אלטע סארט כלים ווי למשל windows XP, אדער אפילו windows 7, וואס לכה"פ בלייבט מען אליין דער בעה"ב אויפן מאשין, אנדעם וואס דער גוי זאל קענען אריינצווינגען זיינע טוישינגען, קען מען אנגיין מיט זיי?

ווי באקאנט, אדאנק די שעדליכע אינטערנעט, צירקלען ארום צווישן אלע קאמפיוטערס שעדליכע סארט "ווירוסעס", חדשים לבקרים, וועלכע אויב פארמאגט נישט דער קאמפיוטער קיין Updated Anti Virus, קענען די ווירוסעס אנטון א גרויסע שאדן פאר די אלע פיילס און פארן גאנצן "הארד דרייוו". דערפאר, היינט צוטאגס מוז יעדער קאמפיוטער האבן א AV און זיין אין נאכאנאנדע פארבינדונג מיט זייערע פירמעס, כדי זיך צו קענען ספראווען מיט אלע סארט נייע ווירוסעס וועלכע קומען כסדר אפיר. [ומה"ט זענען אפגעהאקטע לעפטאפס און קאמפיוטערס אסאך מער עלול צו ליידן דערפון, וויבאלד זיי פארמאגן נישט קיין Updated Anti Virus, זיך צו קענען ספראווען און זיך ריכטיג באשיצן. הגם די ווירוסעס גייען כסדר ארום דורכ'ן שעדליכן אינטערנעט, און די דאזיגע קאמפיוטערס זענען טאקע אפגעהאקט פונעם אינטערנעט. טא, וויאזוי קענען זיי ליידן פון די ווירוסעס?? דער תירוץ איז אז ווירוסעס לויפן ארום אויף USB שליסלען, אדער SD קארטלעך, ווען מען שטעקט זיי אריין אין א קאמפיוטער וועלכע פארמאגט יא פארבינדונגען מיטן אינטערנעט, און דערנאך שטעקט מען עס צוריק אריין אין א גע'כשר'טע סארט קאמפיוטער, דאן ווערט די כשר'ע אויך אנגעשטעקט, און ער איז אנשטעקיג, אז ער שטעקט אויך אָן אנדערע, און ער זעלבסט פארמאגט נישט א גענוג AV updated, זיך צו קענען ספראווען מיט די נייע סארט ווירוסעס וועלכע קומען כסדר אפיר].

רובא דרובא AV פארערכטן נאר ווירוסעס פון די נייערע סארט windows, נישט אויף די אלטע ווי למשל xp. [מיט א שטיק צייט צוריק האט NHS געליטן גאר א מאסיווע פארלוסט מה"ט, וויבאלד זייער סיסטעם איז נאך געווען אויף XP, און זיי זענען נישט געווען באשוצט פונעם ווירוס].

אשר ע"כ זענען אלטע סארט windows מער אויסגעשטעלט צו א ריזיקע חלילה צו פארלירן וויכטיגע אינפארמאציע.

**איז וואס איז יא דער לעזונג?**

# להחזיר עטרה ליושנה

צוריק צו ברענגען דעם אלטן סארט טייפרייטער וואס האט זיך אמאל געפינען אין אידישע שטובער, אבער מיט די מעלות וואס אלטע סארט קאמפיוטערס האבן פארמאגט.

ומצד השני, נישט האבן אלע סארט





איבלינגען און שפילציַיג וואס קומען מיט מיט די היינטיגע סארט כלים. נאר פארמאגן די נוצליכע פראגראמען וואס פאדערט זיך צו טייפן אותיות.

# kosher writer

מיט גרויס מיה און פלאג איז אונז בעז"ה געלונגען אהערצושטעלן א נייע סארט device, ספעציעל געאייגנט צו טייפן דערויף חידו"ת וכדומה[1]. די דאזיגע דעוויס איז נישט געבויט מיט א לאטע אויף א לאטע, דהיינו גענומען א קאמפיוטער מיט אלע סארט איבלינגען, און ארויף געלייגט דערויף א פילטער כדי צו פארשפארן די אינטערנעט, און איבערגעלאזט אלעס אנדערש דערויף, ניין, נישט אויף דעם מהלך איז דאס צוגעגאנגען.

נאר ענדערשט אויפגעבויט פון דאסניי א נייע סארט device, און בלויז ארויפגעלייגט איין סארט פראגראם וועלכע פאדערט זיך צו קענען טייפן פשוט'ע טעקסט, און גארנישט מער, אלעס אנדערש זאל זיך בכלל נישט געפינען אויפן כלי.

# מעלות

• עס פארמאגט בכלל נישט קיין געימס, וכדומה. מען קען נישט זען דערויף קיין ווידיאוס, און איבריג צו זאגן, אז אוודאי איז אפגעהאקט יעדע דערפון סארט פארבינדונגען צום אינטערנעט.

• מען קען נישט קוקן דערויף קיין בילדער. היות ס'איז נישט געאייגנט פאר בילדער וכדומה, קען דער טאטע אין שטוב רואיג זאגן בפה מלא פאר די קינדער און בני בית, אז דער קעמערע קען מען נישט צוטשעפענען צו דעם סארט דעוויס. אזוי ארום בלייבט דאס בלויז מיוחד צו שרייבן דערויף חידו"ת, און גארנישט עפעס אנדערש.

• אויף אט דעם טייפרייטער קען מען בלויז נאר טייפן פשוט'ע טעקסט, [נישט טונקעלע אותיות, אדער גרעסערע אותיות, קעפלעך, הערות למטה מהגליון, וכדומה]. אין windows קאמפיוטערס הייסט די דאזיגע סארט פיילס Notepad. אט אויף דעם אופן קען מען טייפן חידו"ת, פונקט ווי די אמאליגע טייפרייטערס, אבער מיט די היינטיגע טעכנעלאגיע, נישט בלויז אויפן פאפיר, נאר מען קען סעיוון דעם געטייפטן טעקסט, סיי אינעם טייפרייטער זעלבסט, און אויך אויף א דרויסנדיגע מעמערי דרייוו, ווי למשל א USB, SD וכדומה, דאס צו קענען נוצן אריבערצושטעלן צו א פארגעשריטענע קאמפיוטער, כדי אויסשטעלן אדער צום דריקן, וכו'.

• מעמערי, דער אייגענער מעמערי דערפון איז בערך GB 10, וועלכע איז די והותר פאר פשוט'ע txt פיילס, פון געטייפטע טעקסט, אן קיין בילדער אדער אנדערע שווערע און גרויסע פיילס, וועלכע דער דיוויס איז נישט געאייגנט דערפאר, ווי שוין דערמאנט. אבער ווי דערמאנט קען מען אייביג סעיוון פיילס אויף א דרויסנדיגע מעמערי, דורכ'ן usb port, וואס איז כמעט נישט באגרעניצט מיט פלאץ.

• צו דרוקן אויף פאפיר די טעקסט, קען מען צוקופן א פרינטער, [פון א ליסטע פון 100'טער מאדעלס], און דאס באהעפטן צום טייפרייטער, מיט א ווייער דורכ'ן USB, כדי צו קענען ארויסדרוקן די פשוט'ע געטייפטע טעקסט, נישט אויסגעשעטלט.

• דער צורה, איז בכלל נישט דומה צו נארמאלע קאמפיוטערס, נישט אפילו אין אויסזען, און אוודאי נישט בפועל.

די דאזיגע נייע סארט device הארד דרייוו בצירוף מיטן סקרין, איז גרויס אינגאנצן בערך ווי א פושקע שוועבלעך. נישט בפועל וויבאלד מען קען נישט טון דערויף קיין שום איבריגע זאך, בלויז טייפן טעקסט, מגי' זיין, ארויסדרוקן, גארנישט מער. וואס ס'פעלט זיך אויס פאר א בן תורה, בני עלי' יושבי אוהל. אבער מצד שני, קען מען נאכאלץ טייפן אויף א נארמאלע סייז keyboard, [דורכ'ן usb], פונקט ווי א גרויסע קאמפיוטער, אזוי אז ס'פארמאגט ביידע מעלות אינאיינעם. די אידישע שטוב פארלירט נישט איר אמאליגע אידישע צורה, און מען קען טייפן דערויף נארמאל באקוועמערהייט.

• עס פארמאגט פיר USB Ports, איינס צו קענען אריינפלאגן דערצו א printer כדי צו קענען פרינטן דערפון. ווי אויך קען מען סעיוון פיילס אויף א USB Key, און עס דערנאך אריבערפירן צו אנדערע קאמפיוטערס. אדער פארקערט אריינברענגען פיילס פון אנדערע קאמפיוטערס, [נאר Notepad פיילס, נישט Word], כדי מגי' צו זיין דער טעקסט וכדומה.

• די דאזיגע נייע device איז צום האפן אז דאס וועט אויסמיידן אלע פראבלעמען פון ווירוסעס, היות רובא דרובא ווירוסעס מאכט זיך בעיקר נאר ביי windows OS, וויבאלד דאס פארמאגן רוב רובם פונעם וועלט, און אונזער device איז נישט געבויט אויפן אלגעמיינעם סיסטעם פון windows, נאר אויף גאנץ אן אנדערע סארט וועלכע רופט זיך: Linux OS. ואכמ"ל.

**פאראינטערעסירטע צו באשטעלן**
**דעם חידוש'פולן טייפרייטער, רופט**
**07342-686-157**
**לאזט איבער א קלארע מעסעדזש, און**
**מיר וועלן זיך בל"נ פארבינדן מיט אייך.**
**כל הקודם זוכה**

1 מען האט צום ערשט געמאכט פארשידענע פראבעס אויף אנדערע סארט וועגן. איינע פון די כלים וואס מען האט אויסגעפרואווט, צווישן די אנדערע, זענען געווען: Alpha Smart Dana, FreeWriter א.א.וו.
וויבאלד ביי די גוים איז אויך דא א פארלאנג אויף דעם, זיי טוען שוין אויך אנערקענען אז טייפן אויף א קאמפיוטער מיט פולע אפציעס, נעמט אוועק דאס קאנצענטראציע פונעם טייפן זעלבסט.
מפני כמה סיבות אשר אין כאן המקום לפורטן, איז דאס נישט אויסגעקומען פראקטיש פארן היימישן ציבור.